# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

# כי מן הבאר ההוא ישקו העדרים

## פרשת בלק



**כיתה ח' (א-ב)**

הר"ר יואל גרינוואלד הי"ו
הר"ר שאול יחזקאל שווארץ הי"ו

בס"ד

# חידו"ת לפרשת בלק

**וילכו זקני מואב וזקני מדין וקסמים בידם וגו'.** פירש רשיז"ל קסם זה נטלו בידם זקני מדין אמרו אם יבא עמנו בפעם הזאת יש בו ממש ואם ידחנו אין בו תועלת, לפיכך כשאמר להם "לינו פה הלילה" אמרו אין בו תקוה הניחוהו והלכו להם. וי"ל על פי מה שכתב רש"י לעיל שהמואבים נטלו עצה ממדין שרצו לחקור על משה מה כוחו, ושמעו שכוחו בפה, ובקשו לאחד שיהיה כנגדו, וחשבו על בלעם, והנה מצינו במשה רבינו ע"ה מעלתו הגדולה שלא הצטרך להכנה רבה, רק אמר "עמדו ואשמעה" וגו'. ולכן נתנו זקני מדין סימן בעצמם "אם יבוא עמנו בפעם הזאת" פי' מיד בלי הכנה "יש בו ממש", כי אז הוא דוגמת משה רבינו, "ואם ידחנו" שלא ישיב בבירור מיד, מאחר שמעכב אפי' מקצת אין בו תועלת, כי אינו ממש דוגמתו, אבל בכל זאת אפשר שלא היו חוזרים בשביל זה, אבל כשאמר להם "לינו פה הלילה" שראו שאין נבואתו רק בלילה, אמרו מעתה "אין בו תקוה", כי אינו דומה לו כלל, לפיכך הניחוהו והלכו להם

**בנה לי בזה שבעה מזבחות והכן לי בזה.** ויש לדקדק למה אמר בכל פעם "בזה", דהוה ליה למימר רק בנה לי והכן לי. ונראה לומר דאיתא בספרי מה בין נבואת משה רבינו ע"ה לנבואת שאר נביאים, שכולם נתנבאו ב'כה' מוסיף עליהם משה שהתנבא בלשון 'זה' הדבר, עוד איתא בספקי על הפסוק "ולא קם נביא עוד בישראל כמשה", אבל באומות העולם קם ומנו בלעם. וזהו פירוש הכתובים, שאותו רשע חשב שהוא שוה ח"ו למשה רבינו ע"ה במדריגתו, שיכול ג"כ להתנבאות בלשון זה, ולכן אמר כמה פעמים 'בזה', ואמר לו הקב"ה, רשע, אל תדמה בנפשך להתדמות למשה רבינו בלשון זה, אלא "שוב אל בלק ו'כה' תדבר, ואח"כ אכן הוכרח לומר בלשון 'כה', כמו שאמר ואנכי אקרה 'כה'.

הגה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע

**ויאמר אלהים אל בלעם לא תלך עמהם לא תאור את העם כי ברוך הוא,** ופירש"י אמר לו אם כן אברכם, אמר לו אינם צריכים לברכתך כי ברוך הוא. ודברים אלו נפלאו ממני, וכי עלתה ברצונו של בלעם לברך את ישראל בכל טוב. ונראה בהקדם מה שכתב בבינה לעיתים (דרוש מג) לפרש הכתוב (דברים ז יד) ברוך תהיה מכל העמים לא יהיה בך עקר ועקרה, ולכאורה מאחר שקדם לומר וברך פרי בטנך, מה מקום עוד לומר לא יהיה בך עקר ועקרה, אמנם יראה לפי שאמרו חז"ל

בס"ד

(ב"ר פ"ס סי"ג) מפני מה לא נפקדה רבקה עד שהתפלל עליה יצחק, שלא יהיו אומות העולם אומרים תפילתנו אחותינו את היי לאלפי רבבה (בראשית כד ס) עשתה פירות. דעל ידי שמתברכים מפי העמים יש לחוש שיגזור השי"ת שמקודם לא יקויים בהם הברכה, על כן אמר הכתוב כי השי"ת יברכם בריבוי בנים ושכר פרי הבטן, ואפילו כל העמים יברכו על ריבוי הזרע, ולא תחששו שבעבור ברכתם יגזור האל יתברך שיהיה בכם תחילה עקר ועקרה כאשר היה ביצחק ורבקה, כדי שלא יאמרו שבשביל ברכתם באה ההשפעה, אלא מיד יהיה לכם ריבוי הזרע, עכ"ד. ולכאורה הדבר עדיין צריך תבלין, דהרי כאשר יקיים השי"ת הבטחתו לבני ישראל, יוכלו אומות העולם לומר שתפילתם עשתה זאת, ונראה לומר דמכיון דכבר נכתב בתורה מפורש כמה פעמים שכר שמירת התורה והמצוות, לזה לא יגזור השי"ת לעכב את הברכה, אפילו אם יתברכו גם מפי האומות, כי לדבר שטות יחשב לומר שברכתם עשתה פירות, שהרי גלוי וידוע לכל האומות שהברכה הוא מאת השי"ת עבור קיום התורה והמצוות. ובכן תעלה לך כוונת מחשבתו הרשעה של בלעם במה שאמר אם כן אברכם, כי רצה לברך את ישראל, ולזה יעכב השי"ת את הברכה מבני ישראל לאיזה זמן, בכדי שלא יוכלו האומות לומר שברכת בלעם עשתה פירות, והקב"ה הבוחן לבבות הבין מה שבסתר לבו, אמר לו כי ברוך הוא, ר"ל דכיון שכבר הם מבורכים מפי עליון, ונודע לכל האומות חיבת המקום עליהם, לזה גם אם תברכם לא אעכב את הברכה מבני ישראל

שארית חיים

**מה עשיתי כי הכיתני זה שלש רגלים**, זאגט רש"י אז ער האט אים געוואלט מרמז זיין אז ער וויל אויסרייסן א פאלק וואס האלט די דריי ימים טובים. לכאורה פארוואס האט ער אים דוקא מרמז געווען די מצוה פון שלש רגלים. ענטפערט דער ווילנער גאון ז"ל אז אין מדרש שטייט אז דער באשעפער האט געפרעגט פאר בלעם אויב דו וועסט אויסרייסן די אידישע קינדער ווער וועט האלטן די גאנצע תורה, איך האב דאך שוין געהאט געפרעגט אלע אומות העולם און זיי האבן נישט געוואלט אננעמען, האט בלעם געזאגט אז ער וועט האלטן די גאנצע תורה, און מקיים זיין די תרי"ג מצוות. לכאורה האט בלעם געקענט טאקע מקיים זיין אלע מצוות א חוץ פון די מצוה פון עליה לרגל ביי די דריי ימים טובים, ווייל ער איז געווען א הינקעדיגער, און די גמרא (חגיגה ד.) לערנט ארויס אז א חיגר איז פטור פון מצות עליה לרגל. דאס האט אים דער אויבישטער געזאגט, מילא די גאנצע תורה קענסטו טאקע מקיים זיין, אבער ווי אזוי אתה מבקש לעקור אומה החוגגת שלש רגלים בשנה, וואס דאס קענסטו נישט מקיים זיין, במילא וועגן דעם דארף כלל ישראל בלייבן אויף אייביג, און דו זאלסט זיי נישט שעלטן.

בס"ד

**זאת חוקת התורה. דער אור החיים הק' שטעלט זיך אויפן לשון הפסוק זאת חוקת 'התורה', פארוואס שטייט נישט זאת חוקת הפרה.**

זאגט דער ראפשיצער רב ז"ל בשם זיין פאטער דער לינסקער רב ז"ל אז די גמרא אין עירובין דערציילט אונז אז די פרוי פון רבי מאיר האט אמאל געזעהן ווי א תלמיד לערנט שטיל, האט זי אים געזאגט אז עס שטייט אין פסוק ערוכה בכל ושמורה, אויב מען לערנט די תורה 'בכל' מיט אלע רמ"ח איברים, דעמאלטס בלייבט די תורה אפגעהיטן אינעם מענטש, און אויב נישט קען זיך נישט האלטן די תורה ביי א מענטש. דאס זאגט דער פסוק, זאת חוקת התורה, דער חק ווי אזוי די תורה זאל זיך האלטן אינעם מענטש איז אשר צוה ה' 'לאמר', אז דער אויבערשטער האט געהייסן לערנען אויפן קול, און אזוי וועט זיך די תורה האלטן אינעם מענטש.

**זאת חוקת התורה.**

פירש"י לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל לומר מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה, לפיכך כתב בה חוקה גזירה הוא מלפני אין לך רשות להרהר אחריה. ויש לפרש בדרך דרוש דידוע דישרא"ל ר"ת י"ש ש'ישים ר'יבוא א'ותיות ל'תורה, ולכל איש מישראל יש אחיזה באות אחר. ורבים מקשים דאם נוציא ספר נראה שאין כמנין הזה. ויש מתרצים שמנין האותיות הוא ביחד עם התרגום. ולפי זה יש לפרש לפי שהשטן ואוה"ע מוני"ן את ישרא"ל, שרוצים לספור אותיות התורה ולמצוא אם אכן יש שישים ריבוא אותיות לתורה [ר"ת ישראל], והם לא מוצאים, לפיכך כתב בה "חוקה" וגם "גזירה" הוא מלפני, לרמז שמונין גם התרגום שאומר על זאת "חוקת" התורה דא "גזירת" אורייתא לומר שגם כל התיבות של התרגום נחשבין למנין.

**(כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א)**

**ויך את הסלע.**

לכאורה דארף מען פארשטיין ווי אזוי קען טאקע זיין אז דער אויבישטער האט געהייסן פאר משה רבינו צו רעדן צום שטיין, און דערווייל האט ער געשלאגן דעם שטיין. ענטפערט הרה"ק הרבי ר' העשיל פון קראקא ז"ל לויט די גמרא אין מס' בבא מציעא וואס זאגט אז אלע זאכן וואס אברהם אבינו האט געטוהן פאר די מלאכים אליין, ער האט אליין געברענגט דאס 'ברויט', האט דער באשעפער צוריק באצאהלט פאר די אידן אליין, אזוי ווי דאס ער האט אליין געגעבן די 'מן' פון הימל, און אלעס וואס אברהם אבינו האט געטוהן דורך א שליח אזוי ווי ברענגען 'וואסער', האט דער באשעפער אויך צוריק געגעבן מיט א שליח, און די 'וואסער' איז געקומען דורך משה רבינו. חז"ל זאגן דאך אין זוהר הק' 'שכינה מדברת מתוך גרונו של משה רבינו', מיט דעם קען מען

בס"ד

פארשטיין פארוואס האט משה רבינו נישט גערעדט צום שטיין, ווייל ער האט דאך געוואוסט אז די וואסער דארף קומען דורך א שליח, און אויב ער וועט רעדן צום שטיין, וועט דאך עס ווערן גערעכנט כאילו דער באשעפער אליין האט גערעדט צום שטיין, וועגן דעם האט ער גענומען די שטעקן, און אזוי - אז ער רעדט נישט - איז ער נאר א שליח פונעם אויבערשטן. אבער דאס אמת איז געווען, אז ער האט זיך טועה געווען, וויבאלד ער איז געווארן אין כעס, זאגט דאך די גמרא אין נדרים כל הכועס שכינה מסתלקת ממנו, קומט אויס אז אין יענע רגע איז אוועק געגאנגען די שכינה פון אים, איז שוין נישט געווען שכינה מדברת מתוך גרונו של משה, און ער יא געקענט רעדן צום שטיין, און עס איז נישט אזוי ווי די שכינה אליין. דאס זאגן די חכמים מיט זייער לשון, כיון שבא משה לכלל כעס בא לכלל טעות, אז נאר דעמאלטס ווען משה רבינו איז געקומען לכלל כעס, נאר דעמאלטס איז ער געקומען לכלל טעות, מיט דעם וואס ער האט געשלאגן די שטיין, ווייל ווען ער וואלט ווען נישט געווארן אין כעס, וואלט ער געווען גערעכט מיטן שלאגן דעם שטיין, וויבאלד ער האט געוואוסט אז די וואסער דארף געגעבן ווערן דורך א שליח.

**וישלח ה' בעם את הנחשים השרפים.**

ויש לדקדק הלא ידוע שמידותיו ית"ש הם מדה כנגד מדה, אם כן למה על שדברו על המן העינשם הקב"ה על ידי הנחשים.

ויש לתרץ דידוע מה שפירש"י על הכתוב ונפשנו קצה בלחם הקלוקל, כי המן היה נבלע באיברים ואמרו היש בריה שמכניס ואינו מוציא, אמנם באמת הלא הבריה יתוש מכניס ואינו מוציא (גיטין נו.), אם כן לא היה להם להתרעם על המן, אלא הם רצו להתרעם לכן לא רצו לחשוב על היתוש שגם כן מכניס ואינו מוציא, והנה איתא בגמרא (שבת עז.) כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא ברא דבר אחד לבטלה וכו', ברא יתוש לנחש, הכוונה כי הניזוק על ידי נחש יכול להתרפא על ידי היתוש.

ובזה מבואר למה נענשו על ידי הנחשים, כי כשירצו להתרפאות מהנחשים יצטרכו לקחת יתוש, ואז יראו שגם היתוש מכניס ואינו מוציא, ולכן שוב לא יתרעמו על המן.

**(אמירה יפה בשם הכב א')**

בס"ד

# הרה"ק ר' אברהם זי"ע מטריסק

**יומא דהילולא ב' תמוז**

**דער טריסקער מגיד זי"ע האט זיך אמאל געטראפן מיט רבי ארון לייב פון פרעמישלאן זי"ע, ער האט אים געגעבן כיבוד, זאגט ער אז ער נעמט נישט, פרעגט ער אים פארוואס ער נעמט נישט פון איהם קיין כיבוד? זאגט ער ווייל ער עסט נישט! פרעגט ער פארוואס ער עסט נישט? זאגט ער ווייל ער קען נישט. פרעגט ער פארוואס קענט איר נישט? זאגט ער ווייל ער האט געהערט דעם קול פון משיח? פרעגט ער איהם פון וואנעט ווייסטו אז דאס איז געווען קולו של משיח? זאגט ער אים איך וועל דיר דערציילן, האט ער אים דערציילט.**

**מיין פאטער דער טשערנאבלער מגיד זי"ע ווען ער פלעגט פארן אויפן וועג פלעגט ער אלץ מיטנעמען איינעם פון די קינדער, איינמאל האט ער מיך מיטגענומען, ער האט אים געהייסן איינשפאנען פערד און וואגן, אינטערוועגנס האט ער געבעטן מען זאל זיך אפשטעלן. ער האט געהייסן דער גבאי זאל אריינגיין אין די קרעטשמע און זאגן אז ער וויל דא אריינקומען שמועסן.**

**איז דער קרעטשמער ארויסגעקומען און געזאגט "רבי, איך האב זייער א קליינע קרעטשמע, מ'שיכור'ט אין גרויסן, און עס איז ממש סכנת נפשות דא אריינצוגיין, מ'פארט אביסל ווייטער איז דא א גרויסע קרעטשמע וואס האט עטליכע צימערן און מען קען האבן פארן רבי'ן א עקסטערע צימער".**

**זאגט ער "ניין, ס'מוז זיין דא, מען זאל פארציען א פירהאנג און דא וויל איך זיצן". איז דער טשערנאבלער מגיד אריין אין די קרעטשמע, און מען גייט דא זיצן.**

**האט דער טשערנאבלער מגיד פארצויגן א פירהאנג און ער האט זיך דארט געזעצט מיט אן ארעמאן וואס איז אויך דעמאלטס אנגעקומען. האט דער טריסקער מגיד דערציילט 'מ'איז אנגעקומען אהין האט מען האט פארצויגן א פירהאנג און איך בין געשטאנען אינדרויסן פונעם פירהאנג, און איך האב געהערט ווי מען רעדט און מען קרעכצט... און נאכדעם נאך א שטיק צייט האט זיך איבערגע'חזר'ט אפאר מאל מען האט גערעדט און געקרעכצט... ווען מען האט געענדיגט האט דער טאטע געעפענט די פירהאנג און ער איז ארויסגעגאנגען. דער טאטע האט מיך געבעטן צו באגלייטן דעם איד, איך האב אים באגלייט ביז איך האב אים שוין נישט געזעהן'.**

**האב איך געפרעגט דעם טאטן ווער דאס איז געווען זאגט ער 'דאס איז דער מלך המשיח', און ער האט מיר יעצט מגלה געווען אלע צרות פון כלל ישראל פון יעצט ביזן ביאת הגואל, אויף יעדע צרה האט מען געגעבן א קרעכץ.**

**האט דער טריסקער מגיד געזאגט אז ווייל ער האט געהערט דעם קרעכץ פונעם מלך המשיח, קען ער נישט עסן.**